


# תורת יואל

גליון מס' 97

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת כי תצא תשפ"ו

## כי תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ד' אלקיך בידך (כא, פסוק י')

**איתא בספרי** (תצא, פיסקא קנ"ו) שטייט אין ספרי: **אם עשית כל האמור בענין, סוף ונתנו ד' אלוקך בידך**, אויב די וועסט אלעס טוהן וואס שטייט אין די פרשה, סוף וועט דער אייבערשטער געבן דעם שונא אין דיינע הענד.

**וצריך ביאור** דארף מען פארשטיין - פרעגט דער רבי - די וואכעדיגע פרשה שמועסט אויס ענינים וואס זענען נוגע נאכן ענדיגען די מלחמה, אם כן, וואס מיינט דער ספרי מיט זיין פשט אין דעם פסוק **אם עשית**: מ'האלט דאך שוין יעצט נאכן געווינען די מלחמה, וואס קאן מען נאך איצט טוהן?

**ונראה לבאר**, מיט א הקדמה פון הייליגען זיידן דער **יטב לב**, דער יטב לב פרעגט א קשיא, לכאורה איז מער פאסיג דער לשון, **וימסרנו ד'...בידך**, און די וועסט איבערגעבן דעם שונא אין אונזערע הענד, **ונתנו** איז א לשון פון מתנה.

ענטפערט דער יטב לב, מיט א פשט פון זיידן דער הייליגער **ישמח משה**, וואס איז מפרש דעם מאמר חז"ל: **יגעתי ומצאתי תאמין**, וואס קוקט אויס ווי א שטיקל סתירה, **יגעתי** איז טייטש זיך פלאגן צו  ערייכען דעם ציהל, **מצאתי** איז טייטש טרעפן א מציאה אן זוכן און פלאגן, איז מסביר דער ישמח משה, א מענטש וואס לערנט תורה און פלאגט זיך באמת צו פארשטיין די הייליגע תורה, און נישט אלעמאל געלונגט אים אנצוקומען צום ריכטיגען פשט, זאלסטו נישט מיינען אז די פלאג איז געגאנגען לריק, זיך אומזיסט געפלאגט, **ניין!** ווייל די האסט זיך געפלאגט אויף די תורה וועט דער באשעפער דיר מזמין זיין דעם ריכטיגען פשט בדרך מציאה אזוי ווי א אומערווארטע מתנה, דאס איז דער פשט **יגעת** האסט דיך געפלאגט!!! **ומצאת** וועסטו טרעפן דעם ריכטיגן פשט בדרך **מציאה ומתנה.**

מיט די בחינה טייטש אויס דער יטב לב דעם פסוק, **כי תצא למלחמה על אויבך**, ווען א יוד איז עוסק במלחמת היצר, אפי' ער פיהלט נישט אז ער געווינט דעם יצר הרע, גיט די תורה א הבטחה, **ונתנו ד' אלוקך בידך**, דער אייבירשטער וועט דיר העלפן בייקומען דעם יצר הרע בדרך מתנה, בסייעתא דשמיא. (אגב, די בחינה פון ישמח משה, איז וויכטיג זיך איינצוהזר'ן ווייל דער רבי נוצט די בחינה אין זייער אסאך תורות).

**והנה**, ברענגט דער רבי ארויס א נקודה למחשבה, שוין דורך אזויפיל יאר, און אלע צדיקים פון די פריעדיגע דורות האבן מתפלל געווען פאר ביאת המשיח, אוןליידער לא עלתה בידם, עס איז נאכנישט אנגעקומען די גאולה, אויב אזוי ווי איז מעגליך אז און אונזער דור השפל זאל קומען משיח? עפעס וואס פריעדיגע דורות האבן נישט זוכה געווען, פיהרט אויס דער רבי, אז א דאנק די תפילות פון צדיקים הקודמים, די מסירות נפש פון די צדיקים פון אלע דורות ביז היינט, מיט דעם כח וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה.

מיט די הקדמה פארענטפערט דער רבי די קשיות, דער פסוק **כי תצא למלחמה על אויביך** "**ונתנו**" גייט ארויף אויף מלחמת היצר, אפי' די ביסט לוחם יעצט און די זעהסט נישט קיין הצלחה, וועט השי"ת באצאלן שכר שפעטער בדרך מתנה, אויף דעם לייגט צו דער ספרי, **אם עשית כל האמור בענין**, אז די וועסט מלחמה האלטן מיטן יצר הרע, **סוף ונתנו ד' אלוקך בידך**, סוף מיינט בעיקבתא דמשיחא וואס ווערט אונגערופן **סוף וקץ**, דעמאלס וועסטו באקומען דיין שכר פאר דיין יעצטיגע מלחמה, והבן.

צום סיום האט דער רבי דערמאנט דעם זיידן דעם **יטב לב זי"ע**, וואס היינט איז זיין יארצייט, זיין עבודה פאר די גאולה איז געווען זייער גרויס, אן אפשפיגלונג פון זיידן דער הייליגער ישמח משה, און דער רבי האט פארענדיגט, ונזכה עס זאל שוין מקיום ווערן **ונתנו ד' אלקיך בידך בהתגלות כבוד שמים בב"א.**

# מיין מעשה

**הרה"ח רבי אברהם דוד קארצאג הי"ו**

אלץ יונגעל/בחור האב איך געהייסן נאר אברהם קארצאג, ווען איך בין געשטאנען אין שידוכים, האט מען מיר אנגעטראגן מיין פרוי, בת הר"ר אברהם ווייגארטן ז"ל, אבער די נעמען זענען אקוראט, בין איך אריין צום רבי'ן פרעגן צו איך זאל ווייטער גיין מיט דעם שידוך.

האט רביה"ק געענטפערט יא! זאלסט ווייטער גיין מיט דעם שידוך, און דו זאלסט דיר צוגעבן א נאמען, אבער!! קודם פרעג דריי רבנים, און איך בין איינער פון די דריי.

בין אריבער צום אלטן סקווערער רבי'ן, און אויך צום שאפראנ'ער רב, און ביידע האבן מסכים געווען, בין איך צוריק צום רבי'ן, און איך פרעג ווי אזוי טוה איך דאס? גיי פרעג דעם קאפיש'ער דיין איז געווען דעם רבינ'ס תשובה.

קאפיש'ער רב זאגט מיר, זיי עולה מיטן נייעם נאמען, און גיב א שטיקל תיקון, וכך הוה, כ'האב עולה געווען מיטן מיין נייעם נאמען, אברהם דוד, און תיכף דערנאך א חתן געווארן.

---

(במאמר המוסגר, א חבר מיינער האט געהאט דעם זעלבן פראבלעם, און דער רבי האט בשום אופן נישט מסכים געווען צום שידוך, דער יעניגער האט נישט געפאלגט, און ס'האט זיך נישט גוט אויסגעלאזט, **א רבי'ן מוז מען פאלגען!** א.ד.ק.)

# זכרונות בית רבי (ח)

**מנשה קעניג**

## חורף תרח"צ

דאס יאר איז די דריטע יאר אין ישיבת סאטמאר, מיין פלאן איז שטענדיג געווען, צו קענען לערנען מיט חברותות מיין שטאנד, און נישט מיט אינגערע אדער שוואכערע וואס האלטן מיך אפ פון וואקסן, און מיט דאס געלט וואס איך האב פארדינט דאס פאריגע יאר, האב איך מיך געקענט ערלויבן א אייגענע אכסניא, און מיין נייע חברותא איז איצט צבי הערש בוימהאפט פון דעעש.

מיר האבן געלערנט זייער פלייסיג, און געשלונגען בלעטער גפ"ת, און פארשטייט זיך אז נאך צוויי יאר זיך דרייען נעבן רבי'ן, האבן מיר שוין בעסער פארשטאנען זיין לשון לימודים סיי ביים תורה זאגן, און אויך ביי די דרשות.

די שבתים האבן מיר אויסגענוצט צו א מאקסימום, גוט אויסגעהערט די ד"ת ביי אלע טישן, אונז א גרופע עלטערע בחורים, האבן געהאט א ספעציעל פלאץ ביים טיש, אונז האבן מיר אויסגעהערט די תורה, און נאך שבת אפגעשריבן און פארשפרייט.

דער רבי אלס שטאט'ס רב, האט געהאלטן א דרשה, עטליכע מאל א יאר, אין דעם גרויסן שטאטישן שוהל, געווענליך שבת הגדול און שבת שובה, פארשטייט זיך אז מיר אלע זענען געווען דערביי, די דרשה האט געהאט מער א אנבליק ווי א דרשה פון א אונגארישער רב און נישט ווי א רבי.

די דרשה האט געדויערט בערך דריי שעה, א פלפול אין די סוגיא בענינא דיומא, שבת הגדול אין מסכת פסחים, און שבת שובה אין מסכת ראש השנה, יומא אדער סוכה, ערשטע שעה איז געווען פלפול, א שעה אין אגדה, און דערנאך דברי מוסר והתעוררת, די דרשות פון ר"ה און יוה"ק איז געווען כולו מוסר און דברי התעוררות.

צו יעדע דרשה, האבן מיר בחורים זיך ארגענאזירט, און איינגעטיילט די צייט פון די דרשה, יעדער בחור זאל גוט אויסהערן א חלק, און האלטן קאפ, און זיך מתרכז זיין אויף זיין חלק, אזוי נאך די דרשה האבן מיר זיך צוזאם גענומען, און איבערגעגאנגען די דרשה, און יעדער האט אפגעשריבן זיין חלק, און אזוי האט מען דאס אפגעדרוקט פנימי און פארטיילט צווישן די בחורים.

חול המועד, איז די קבוצה שרייבערס אריין צום רבי'ן איבערשמועסן די דרשה, און דער רבי האט מעורר געווען, אז סיי ווער ס'האט א פירכא פון א ראשון אדער א אחרון, זאל זיך נישט שעמען און אנווייזן.

(המשך יבוא אי"ה)

## הערת הקורא

אין די לעצטע וואכן, האב איך געזעהן א פאלעמיק איבער'ן פיוט "שאלי שרופה באש" צו דער מחבר איז געווען דער מהר"ם מ'רוטענבורג, און מחבר געווען אויף די גזירה של שריפת התלמיד, וואס איז פארגעקומען בימיו.

אדער גאר, רבי מאיר ש"ץ, וואס האט געלעבט קרוב צו 200 יאר פריער, און דער פיוט איז מיוסד אויף א מעשה וואס האט פאסירט פיהל פריער, די שריפת גווילי התורה

בייגעלייגט איז צוויי דוגמאות פון אור-אלטע מחזורים:



1) א מחזור מאגענצא פון יאר ה' צ"ב לפ"ק, ווי עס שטייט קלאר אז דער מחבר איז דער הייליגער מהר"ם מ'רוטענבורג.



2) א כת"י פראג, ווי העכער די קינה שטייט "גם זאת קינה על שריפות התורה."

(הרב ארי' טייטלבוים)

(הערה: די צווייטע כת"י איז נישט קיין הוכחה לכאן ולכאן, ווייל אין די צייטן פון רבי מאיר ש"ץ, איז געווען א שריפת גווילי התורה, אויף וואס די קינה איז מיוסד).

לזיכוי הרבים: די גליון ווערט פארשפרייט וועכענטליך אין אלע גרעסערע סאטמארע בתי מדרשים.

פאר הערות, אדער צו באקומען וועכענטליך דעם גליון רופט:

(347) 603-0383

אדער שיקט אן אימעיל צו:

toirasyoel@gmail.com